בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת שלח תשפ"ב
מאמר ב'

יו"ל פר' שלח תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**מ'פארציילט** אז הרה"ק רבי ישראל **מטשורטקוב זי"ע** האט געפרעגט דעם **אמרי אמת זי"ע** אויף דאס וואס שטייט אין פסוק (תהלים קו, כו-כז) **'וַיִּשָּׂא יָדוֹ להם להפיל אותם במדבר, ולהפיל זרעם בגוים ולזרותם בארצות'**, אז רעכט טאקע אז מיר טרעפען אין אונזער פרשה אז דער אייבערשטער האט געשוואוירען א שבועה **'להפיל אותם במדבר'**, אבער וואו טרעפען מיר אין די תורה אז דער אייבערשטער האט געשוואוירען **'לזרותם בארצות'** (עי' רד"ק שם) [געוויס טאקע אז צוליב די חטא המרגלים איז נגזר געווארען דעם חורבן הבית און א בכיה לדורות אין תשעה באב, אבער וואו שטייט בפירוש אז דער אייבערשטער האט געשוואוירען דערויף]. האט איהם דער אמרי אמת זי"ע געענפערט, אז ס'שטייט (אין אונזער פרשה יד, כא) **'ואולם חי אני וְיִמָּלֵא כבוד ה' את כל הארץ'**, און דאס קען נישט מקויים ווערען איידער ווען די יודען וועלען זיין אין גלות אויסגעשפרייט איבער די גאנצער וועלט, וואס דעמאלט וועט דעם כבוד ה' - אנפילען דער גאנצער לאנד - מלא כל הארץ. און ווען דער טשורטקובער רבי זי"ע האט געהערט דעם תירוץ, איז ער נתפעל געווארען און געזאגט אז אזיין תירוץ קען נאר א מנהיג הדור זאגען (עי' לקוטי יהודה החדש. ועי' מלבי"ם בתורה אור).

**דאס** באגריף פון 'גלות' מיינט נישט נאר אז מען געפינט זיך אין א פרעמדע ארט - בארצות נכר, נאר ס'קען אויך מיינען אין ארץ ישראל, און ס'גייט אויך ארויף אויפ'ן פרטיות'דיגען גלות פון יעדער איינער און איינער - גלות הנפש, ווען ס'קומט איהם אן זייער שווער זיין עבודת ה', און ס'איז בכלל נישט פשוט, און אויב דער מענטש איז זיך פונדעסטוועגען מתגבר און ער שטרענגט זיך אן, דעמאלט ווערט אנטפלעקט דעם **כבוד ה'** גאר שטארק, ווייל ווען דער מענטש מיטשעט זיך טראצדעם אלע פארשטעלכצע און שוועריקייטען, פילט ער דערמיט אן יענער פלאץ מיט **כבוד ה'**, און ער איז מעלה א ספיציעלע נחת רוח פאר'ן אייבערשטען.

**ס'שטייט** אין די גמרא (ברכות ג.) '**מה לו לאב שהגלה את בניו ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם**', און די מפרשים פארטייטשען אז די ווערטער פון 'מה לו' מיינט אזוי וויא ס'וואלט געשטאנען 'אוי לו', נאר ס'שטייט בלשון כבוד כלפי מעלה (עי' המצוין במפסו"ס פר' וארא עמ' מו הערה 1). אבער מ'קען זאגען פשט אז כלפי מעלה איז דאס נישט קיין 'אוי לו', ווייל נאר אונז דא אויף די וועלט פארשטייען נישט, און מיר האבען א פראגע 'מה לו לאב', **אבער דער טאטע האט א תירוץ אויפ'ן קושיא, און אלעס ווערט געטוהן מיט א חשבון, כדי אנציפילען די גאנצע לאנד מיט כבוד ה'**, ווייל דאס איז דאך די תכלית פונעם גלות, אזוי וויא חז"ל זאגען (פסחים פז:) 'כלום אדם זורע סאה אלא להכניס כמה כורין', און דער רבונו של עולם האט א ספיציעלע נחת רוח פון די עבודה פון די יודען אין גלות (ועי' דרשות חתם סופר לשבת שובה תקס"ב (ח"א דף טז ע"ב) והגהות שערי יוסף שם (דף לג ע"ג)).

**און** צדיקים זי"ע האבען געזאגט אויף די קנטוניסטים וואס האבען זיך געהאלטען אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און זיי האבען געהיטען תורה ומצות טראץ אלע שווערע נסיונות, אז ס'איז מעגליך אז זיי האלטען אפ ביאת המשיח, ווייל די נחת רוח וואס דער רבונו של עולם האט פון זייער התגברות, וועט נישט זיין ווען ס'וועט קומען די גאולה השלימה [אזוי ווערט אראפ געברענגט בשם מהר"י ומהרי"ד מבעלזא זי"ע וואס זיי האבען אזוי געזאגט בשעת זיי זענען געווען אין שטאט וויען (ראה שנות ביכורים קדושת השבת עמ' תשנד), און זעה אין ספר 'בארת המים' להרה"ק הרבי ר' הירש מרימנוב זי"ע ערך תשובה]. **און אזוי איז דאס אויך ביי יעדער איינער און איינער לפום שיעורא דיליה, ווען ער איז זיך מתגבר אויף זיין יצר און ער האלט זיך פעסט ביי זיינע נסיונות, טוהט ער דערמיט ערפילען די גאנצע לאנד מיט'ן כבוד ה'**.

**און** געוויס איז דאס א שווערע ארבעט און אויפגאבע - ווייל עס זענען דא אסאך נסיונות, אבער ס'שטייט אין פסוק (משלי ג, יד) '**כי טוב סַחְרָהּ מִסְּחַר כסף**', און אזוי זאגט מען (בפייט 'שישו ושמחו' לשמחת תורה) '**כי טוב סַחְרָהּ מכל סחורה**', און רש"י שרייבט אין אונזער פרשה (יג, יז) '**שכן דרך התגרים מראין את הפסולת**

**תחלה ואח"כ מראין את השבח**, די גוט'ס פון די סחורה פון די תורה טרעפט מען נישט גלייך, ווייל אין אנהייב וועג איז דא שוועריקייטען, און ס'איז בכלל נישט לייכט - אין די תורה און אין די דרך התורה און אין וואס דער תורה לערנט אויס די מענטש, **אבער נאכ'ן יגיעה, און נאכ'ן זיך אנשטרענגען, איז מען זוכה צו זעהן און צו שפירען דאס גוט'ס.**

**דער הייליגע בארדיטשובער זי"ע** אין קדושת לוי שטעלט זיך אויפ'ן פסוק (יד, כא-כב) **'ואולם חי אני וימלא כבוד ה' את כל הארץ, כי כל האנשים הרואים את כבודי'** וגו', אז דער לשון 'כי' איז נישט מדוקדק, ווייל וואס פארא נתינת טעם איז דאס אויף וואס עס שטייט 'וימלא כבוד ה' את כל הארץ', וואס איז משמע דערפון אז צוליב די מענטשען וואס וועלען שטארבען אין מדבר וועט זיין 'ימלא כבוד ה' את כל הארץ' [און ע"פ פשוטו קען מען זאגען אז דאס וואס שטייט דא 'כי' איז נישט א נתינת טעם [ווייל 'כי' איז דאך משמש בד' לשונות], נאר ס'איז פונעם לשון כאשר].

**ערקלערט דער בארדיטשובער זי"ע**, אז אט די 'דור המדבר' וואס האבען מקבל געווען די תורה, האבען נישט געהאט קיין יצר הרע, אזוי וויא חז"ל זאגען (שמו"ר לב, א) חירות פונעם יצר הרע, און דערפאר האבען זיי נישט געהאט קיין אנשטרענגונג אין עבודת ה', און ממילא ווערט נישט אזוי פארגרעסערט כבודו ית"ש. אבער דורך זייער קינדער און קינד'ס קינדער - וואס זענען נישט געווען בשעת מתן תורה, דווקא דורך זיי וועט זיין 'ימלא כבוד ה' את כל הארץ', ווייל זיי וועלען יא האבען א יצר הרע און א בחירה, און פונדעסטוועגען וועלען זיי זיך מתגבר זיין אויף איהם און דינען דעם אייבערשטען, און זיי וועלען זיך דארפען אנשטרענגען און זיך מתייגע זיין - גראבען און ארבעטען, און דורכדעם וועט גרעסער ווערען כבוד ה'. און ממילא איז דאס יא א נתינת טעם, ווייל דורך זיי וועט ערפילט ווערען כבוד ה'.

**און** געוויס טאקע איז דאס נישט קיין לייכטער ארבעט, און ס'דא מאהלען וואס ס'איז פאראן נפילות, אבער דער מענטש טאר נישט ארייגפאהלען אין יאוש, און אזוי וויא כלב האט געזאגט (יג, ל) **'עָלֹה נעלה וגו' יכול נוּכַל לה'**, און על דרך וואס

**כ"ק אאז"ל האט געטייטשט אז ס'שטייט** אין די גמרא (ב"מ לא.) 'השב תשיבם' אפילו מאה פעמים, 'הוכח תוכיח' אפילו מאה פעמים, אזוי אויך דאס וואס שטייט **'עלה נעלה'**, און **'יכול נוכל'** מיינט אפילו מאה פעמים, ווייל א יוד קען שטענדיג זיך מתגבר זיין און שפאלטען די הסתרות, און ער איז קיינמאהל נישט פארפאלען (עי' פני מנחם עמ' עט ועמ' פד). **'יכול נוכל'** - אפילו אויב ביים ערשטען מאהל איז איהם דאס נישט געגאנגען און ער האט זיך אראפ געגליטשט, און ער טראכט אז ער קען נישט, פונדעסטוועגען דארף ער פראבירען נאכאמאהל און דעמאלטס וועט ער קענען, **'עלה נעלה' - אפילו אויב אין אנהייב האט ער נישט מצליח געווען צו זיגען דעם יצר הרע, דארף ער זיך נישט מייאש זיין, נאר ער דארף זיך אונטער גארטלען און פראבירען נאכאמאהל, און דעמאלט וועט עס איהם גיין און ער וועט זיך קענען מתגבר זיין אויפ'ן יצר און ארויפגיין אינעם סולם העולה בית קֵל.**

**און** דער אור החיים הק' שרייבט א טייער ווארט, און ווען נישט וואס דער אור החיים הק' שרייבט דאס, וואלטען מיר דאס נישט געקענט זאגען, ס'שטייט (יד, כד) **'ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו וימלא אחרי והביאותיו אל הארץ אשר בא שמה וזרעו יוֹרִשנה'**, שטעלט ער זיך פארוואס שטייט נאר אויף 'כלב' דאס ווארט 'עבדי' און נישט אויף 'יהושע'. זאגט דער אור החיים הק', וויבאלד אז יהושע איז געראטעוועט געווארען פון די עצת המרגלים בזכות די תפלה פון משה רבינו ע"ה, און ער האט איהם צוגעלייגט צו זיין נאמען א יו"ד, דעריבער איז ביי איהם די נסיון געווען אסאך לייכטער, אבער כלב **'עקב היתה רוח אחרת עמו'**, ד.ה. אז ער האט געהאט א קאמפף מיט'ן יצר הרע, ווייל ער האט געהאט א רוח זרה בקרבו, און וויבאלד וואס ער איז געווען אין א סכנה איינגערעדט צו ווערן צו די עצת המרגלים, דעריבער איז ער געגאנגען מתפלל זיין אויף קברות האבות (עי' סוטה לד:), און וויבאלד אז ער האט זיך מתגבר געווען, דערפאר דייקא ער ווערט אנגערופען 'עבדי'. **דאס מיינט אז דער וואס האט שווערע נסיונות, און דער יצר הרע שטערט איהם און פייניגט איהם, און ער מיטשעט זיך און ער איז זיך מתייגע מתגבר צו זיין אויף איהם, ער ווערט אנגערופען 'עבדי'.**

**און** מ'קען צולייגען דערויף, אז אין סוף פון דער פסוק שטייט 'וזרעו יורישנה', און נאר דא ביי כלב שטייט אזוי, און ווידער ווייטער אין פרשה (יד, לח) שטייט אז 'יהושע וכלב חיו מן האנשים ההם', דארט שטייט נישט אז 'וזרעם יירשנה'. ווייל דייקא דורך די עבודה וואס קומט אן מיט א אנשטרענגעניש און מיט א יגיעה מתוך מסירות נפש, ווען ס'איז דא א קאמפף מיט'ן יצר הרע וואס לייגט פאר'ן מעטנש שוועריקייטען און הסתרות, דער כח גייט אריבער אויך צו די קינדער ווייטער, ווייל א עבודה מיט מסירות נפש האט א כח סגולי וואס העלפט צו פאר דורות עולם, עס מאכט לייכטער פאר די קינדער - און פארמינערט די נסיונות פאר די קומענדיגע דורות, און אויב דער מענטש ערוועקט זיך נישט זיך מתגבר צו זיין אויף זיין יצר פאר תיקון נפשו, דארף ער מאכען א חשבון הנפש אז אויב נישט פאר זיינענט וועגען, זאל ער כאטש טוהן פאר די קינדער'ס וועגען, אז פאר זיי איז איהם כדאי זיך אנצושטרענגען און משקיע זיין. און דעריבער דייקא ביי 'כלב' וואס ער האט זיך מתגבר געווען אויפ'ן 'רוח אחרת' מתוך אן אנשטרענגונג, שטייט 'וזרעו יורישנה'.

**יעדער** איינער דארף זיך שטארקען, און זיך נישט מייאש זיין פון די נסיונות, נאר ממשיך זיין דינען דעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער וועט העלפען אז מ'זאל זוכה זיין עס זאל מקויים ווערען 'תאיר ארץ מכבודך'.